**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 25 מיליאן דאלאר דא צו פארטיילן פאר ארגאניזאציעס וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו האסע פארברעכנס און געציהלטע געוואלדטאטן

***גאווערנער האט געמאכט די אנאנס ביי ניו יארק'ס סאמע ערשטע Unity Summit, צוזאמברענגענדיג קאמיוניטי גרופעס, רעליגיעזע פירער און געזעץ אינפארסירונג ארבעטנדיג צוזאמען צו אויסראטן די שטייגנדע כוואליעס פון האסע***

***Unity Summit האט אויך ארייננגערעכנט א רעדע פון ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ, געוועזענע פאראייניגטע שטאטן אטורני דזשענעראל לארעטא לינטש און אנדערע לאקאלע פירער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז נאך 25 מיליאן דאלאר וועט פארטיילט ווערן פאר ארגאניזאציעס וועלכע זענען אין סכנה פון האסע פארברעכנס און וואנדאליזם. זי האט געמאכט די אנאנס ביי ניו יארק'ס סאמע ערשטע Unity Summit ('אחדות' צוזאמקום), א צוזאמקום פון מער פון 500 ניו יארקער פון די גאנצע סטעיט וועלכע פארטערטן קאמיוניטי גרופעס, רעליגיעזע פירער און פובליק זיכערהייט עקספערטן וועלכע האבן מיטגעטיילט פון זייער קוק ווינקל וויאזוי ניו יארק קען זיך צוזאמקומען צו באקעמפן די שטייגנדע כוואליעס פון האסע.

"דאס איז א גורל'דיגע מאמענט — א מאמענט צו אויפשטיין אלץ איין ניו יארק און קלאר מאכן אז עס איז נישטא קיין פלאץ פאר האסע אין אונזערע קאמיוניטיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין געווען שטאלץ צו צוזאמרופן ניו יארק'ס סאמע ערשטע Unity Summit צו צוזאמברענגען פירנדע עקספערטן וועלכע ארבעטן צו באקעמפן האסע און דיסקרימינאציע. ארבעטנדיג צוזאמען, ווייס איך אז מיר קענען מאכן די סטעיט זיכערער און ווארעמער פאר יעדן."

"ביי די היינטיגע Unity Summit האבן מיר צוזאמגעברענגעט פירער, מענטשן רעכטן שתדלנים און אקטיוויסטן פון ארום די וועלט פאר א טאג פון 'חשבון הנפש' און זיך נאכמאל צו פארפליכטן צו די ארבעט וואס מיר טוהען אין ניו יארק צו ארויסטרייבן האסע," **האט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָ געזאגט.** "די געלטער וועלן ברענגען מיטלען און שטיצע דירעקט פאר די קאמיוניטי שותפים וועלכע בויען א מער פאראייניגטע און אריינגעמיגע סטעיט. עס איז מיר אן עהרע צו דינען אלץ פארזיצער פון די 'האסע און דיסקרימינאציע פארמיידונג איינהייט' (Hate and Bias Prevention Unit) און אויפזעהן די ארבעט גייענדיג פאראויס."

אין איר רעדע ביי די Unity Summit האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז 25 מיליאן דאלאר וועלן צוגעשטעלט ווערן דורך די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו שטיצן ארגאניזאציעס וועלכע דינען קאמיוניטיס וועלכע שטייען אויס א גרויסע סכנה פון האסע פארברעכנס און וואנדאליזם. די געלטער וועלן גיין צו העלפן ארגאניזאציעס פארשטערקערן זיכערהייט מאסנאמען אין שוואכערע פלעצער און שטיצן טרענירונגען, פובליק אויפמערקזאמקייט קאמפיינען און אנדערע באמיאונגען אריבער די סטעיט. די

2024 בודזשעט רעכנט אויך אריין 3.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר די האסע און דיסקרימינאציע פארמיידונג איינהייט, וועמען'ס ארבעט רעכנעט אריין צו קאארדינירן 10 ראיאנישע קאונסילס וועלכע זענען צוזאמגעשטעלט געווארן צו אדרעסירן אנדערע סארטן דיסקרימינאציע און פראבלעמען אריבער ניו יארק סטעיט. די מיטגלידער פאר אלע 10 ראיאנישע קאונסילס זענען שוין אויסדערוועהלט געווארן, און זיי וועלן אנהויבן זיצונגען אין די קומענדיגע וואכן.

די Unity Summit גאסט רעדע איז געווען פון געוועזענע פאראייניגטע שטאטן אטורני דזשענעראל לארעטא לינטש. פאנעלן האבן אריינגערעכנט "The State of Hate in New York" (די מצב פון האסע אין ניו יארק), מיט סטעיט אגענטור פירער רעדנדיג איבער זייערע באמיאונגען צו באקעמפן האסע פארברעכנס; "Working Together To Address and Prevent Hate in Our Communities" (ארבעטן צוזאמען צו אדרעסירן און פארמיידן האסע אין אונזערע קאמיוניטיס) מיט אידישע, אזיאנער-אמעריקאנע/פאציפישע אינזלען אפשטאמיגע, מוסלימענע, סיק, LGBTQ+, היספאנישע און אפריקאנער-אמעריקאנע קאמיוניטי פירער; און אזוי אויך " How are Federal, State and Local Stakeholders Addressing Hate" (וויאזוי אדרעסירן פעדעראלע, סטעיט און לאקאל-פארמישטע פארטייען האסע). די טאג איז געקומען צו א שלוס מיט ווערטער פון ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ וואס פירט אן די האסע און דיסקרימינאציע פארמיידונג איינהייט אין די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכט (Division of Human Rights).

זינט זי איז אריינגעקומען אין אפיס האט גאווערנער האקול געשטעלט אלץ א פריאריטעט צו באקעמפן האסע פארברעכנס און דיסקרימינאציע. אין דעצעמבער 2022 האט גאווערנער האקול איפגעדעקט די דיוויזיע פון מענטשן רעכטן'ס נייע האסע און דיסקרימינאציע פארמיידונג איינהייט. אין נאוועמבער 2022 האט זי אונטערגעשריבן צוויי נייע געזעצן צו שטערנגער באהאנדלען אזעלכע וועלכע פירן דורך האסע פארברעכנס און צו איפשטעלן א נייע פארשידנארטיגקייט און סבלנות קאמפיין איבערן סטעיט. אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 האט גאווערנער האקול געמאכט באדייטנדע ענדערונגען צו די בעיל געזעצן וועלכע פארברייטערן די אויטאריטעט פון ריכטער צו קענען ארעסטירן און פארלאנגען בעיל פאר פארברעכנס וואס חזר'ן זיך איבער און פאר האסע פארברעכנס.

די פולע Unity Summit איז פארעפנטליכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418